שטאַנד סאַי מזהיר צו זיין אין דער געזונטער לערנונג,
סאַי צו רעדן שטראָפֿרייד צו די קעגנער.
10 וואָרום עס זענען פֿאַראַן אַ סך ווידערשפּעניקע,
פּלאַפּלער און באַטריגער, מערסטנס די פֿון די
געמלטע, וועמען מען דאַרף פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל;
11 וועלכע קערן איבער גאַנצע הייזער און לערנען וואָס
12 טויג נישט צוליב שענדלעכן געווין. איינער פֿון זיי,
זייער אייגענער נביא, האָט געזאָגט: די קרעטער
זענען תמיד ליגנער, חיות רעות, פֿוילע פֿרעסערס.
13 דאָס דאָזיקע עדות־זאָגן איז אמת. צוליב דער סבה
זאָלסטו זיי שאַרף זאָגן מוסר, כּדי זיי זאָלן זיין
14 געזונט אין דער אמונה, און זיך נישט האַלטן צו
יידישע לעגענדעס און מצוות פֿון מענטשן, וועלכע
15 קערן אָפּ פֿון דעם אמת. פֿאַר די ריינע (מענטשן)
איז אַלץ טהור; פֿאַר די אָבער, וועלכע זענען טמא
און אומגלויביק איז קיין זאַך נישט טהור; נאָר זייער
16 פֿאַרשטאַנד און געוויסן איז טמא. זיי זאָגן, אַז זיי
קענען גאָט, פֿאַרלייקענען אים אָבער מיט זייערע
מעשים, זייענדיק אומווירדיקע און ווידערשפּעניקע
און וואָס טויגן נישט צו קיין שום מעשים טובים.

## קאַפּיטל צוויי

1 דו אָבער רעד וואָס עס פּאַסט פֿאַר דער געזונטער
2 לערנונג. אַז זקנים זאָלן זיין ניכטער, אויפֿריכ־
טיק, פֿאַרשטענדיק, געזונט אין דער אמונה, אין
3 ליבע, אין סבלנות. אַז די זקנות זאָלן דעסגלייכן זיך
אויפֿפֿירן, ווי עס פּאַסט פֿאַר קדושה, נישט רעדן
קיין רכילות, נישט זיין פֿאַרשקלאַפֿט צו אַ סך וויין,
4 נאָר לערערינס פֿון גוטס; כּדי זיי זאָלן מאַכן די
יונגע פֿרויען פֿאַרשטענדיק, ליב צו האָבן זייערע